# דעם רבינ'ס מעשיות

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

**מעשה י'**
**מבערגיר ועני (3)**
**גליון 63**

## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים!

**בְּהֶמְשֵׁךְ הַמַּעֲשֶׂה הַשָּׁבוּעַ** רַבֵּנוּ מְסַפֵּר לָנוּ עַל הַיִּסּוּרִים וְהַקְּשָׁיִים שֶׁעוֹבְרִים עַל הֶחָתָן בֶּן הַבֶּערְגִיר. עַל כָּךְ שֶׁהַמֶּלֶךְ (הֶעָנִי) רָדַף אוֹתוֹ כָּל כָּךְ, כָּלָא אוֹתוֹ בְּתְפִיסָה וְרָצָה לְהַעֲבִירוֹ מִן הָעוֹלָם, עַד שֶׁהָיָה צָרִיךְ לִבְרֹחַ אֶל מֵעֵבֶר לַיָּם, אֶל הַמִּדְבָּר לְבַדּוֹ **וּלְבַלּוֹת שָׁם כַּמָּה שָׁנִים** עַל לֹא עָוֶל בְּכַפּוֹ, וְזֶה מַפְלִיא, לָמָּה הָיָה צָרִיךְ בֶּן הַבֶּערְגִיר לִסְבֹּל כָּל כָּךְ?

**מִצַּד שֵׁנִי** אָנוּ רוֹאִים שֶׁהַכַּלָּה בַּת הַקֵּיסָר עוֹנָה אֶת אוֹתָהּ הַתְּשׁוּבָה לְכָל אֶחָד מֵהַמְשַׁדְּכִים: **"אֲבָל לֹא עָבְרוּ עָלֶיךָ הַמֵּימוֹת"**. לֹא עָבְרוּ עָלֶיךָ הַשֶּׁבַע מֵימוֹת, הַשֶּׁבַע יִפֹּל צַדִּיק וָקָם... **כִּי כָּךְ הִיא דֶּרֶךְ הַצַּדִּיקִים**, וְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכָּם הַקְּדוֹשָׁה, צָרִיךְ שֶׁיַּעַבְרוּ עָלָיו מַעֲבָרִים וּמַשְׁבְּרִים, קְשָׁיִים וְנִסְיוֹנוֹת, כְּשֶׁמַּתְחִיל בַּעֲבוֹדַת ה', וּמִתּוֹךְ זֶה, אִם יִהְיֶה חָזָק בְּרָצוֹן וְיִשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ וְלֹא יִתְיָאֵשׁ וְיִתְגַּבֵּר עַל הַכֹּל, יִזְדַּכֵּךְ וְיִטָּהֵר **עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְמַעֲלַת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים.**

**וְאֵלּוּ הַמֵּימוֹת,** הַמַּשְׁבְּרִים וְהַיִּסּוּרִים, **עָבְרוּ עַל כָּל הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים,** כְּמוֹ שֶׁמָּצָאנוּ אֵצֶל יוֹסֵף הַצַּדִּיק שֶׁסָּבַל יִסּוּרִים מֵאֶחָיו שֶׁמְּכָרוּהוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים וְכוּ', וְלִפְנֵי שֶׁנַּעֲשָׂה מֶלֶךְ יָשַׁב י"ב שָׁנִים בְּבוֹר חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה. כָּךְ גַּם אֵצֶל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה שֶׁיָּשַׁב עֶשֶׂר שָׁנִים בַּבּוֹר שֶׁל יִתְרוֹ, וְרַק לְאַחַר מִכֵּן זָכָה לְמַה שֶׁזָּכָה, וְגַם אֵצֶל דָּוִד הַמֶּלֶךְ יָדוּעַ שֶׁעָבַר יִסּוּרִים מִבַּיִת וּמִחוּץ וּמִתּוֹךְ צַעֲקָתוֹ וּתְפִלָּתוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ מִתּוֹךְ צָרוֹתָיו זָכָה לִכְתֹּב אֶת כָּל סֵפֶר תְּהִלִּים. גַּם רַשְׁבִּ"י וּבְנוֹ וְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁזָּכוּ לִגְדֻלָּה וְהַשָּׂגָה בַּעֲבוֹדַת ה', כֻּלָּם עָבְרוּ תְּלָאוֹת וְהַרְפַּתְקָאוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, **וּמִתּוֹךְ כָּךְ גָּדְלוּ וְזָכוּ לְמַה שֶׁזָּכוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם.**

**וְאֶת הָעִנְיָן הַזֶּה** חָשׁוּב מְאֹד לִזְכֹּר, כְּשֶׁעוֹבֶרֶת עָלֵינוּ אֵיזוֹ תְּקוּפָה קָשָׁה, וְנִרְאֶה שֶׁאָנוּ רַק מִתְרַחֲקִים מֵעֲבוֹדַת ה', יֵשׁ לִזְכֹּר שֶׁזּוֹ הַדֶּרֶךְ לִזְכּוֹת לְמַעֲלוֹת אֲמִתִּיּוֹת בִּקְדֻשָּׁה, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ מְלַמֵּד אוֹתָנוּ בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא (תּוֹרָה מח),: **"כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ-שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם"... צָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל, לְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד מְאֹד, וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל כָּל זֶה כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת כַּנַּ"ל וְכָל הַנַּ"ל עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ, שֶׁנִּדְמָה לָהֶם, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ שֶׁזֶּה זְמַן רַב, שֶׁהֵם מְבַקְּשִׁים וִיגֵעִים וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד, וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מְחַזְּקִים עַצְמָן מְאֹד לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה, הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן, וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶׁזָּכוּ.**

## וְהַכְּלָל אֲהוּבִי אָחִי, חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד, וֶאֱחֹז עַצְמְךָ בְּכָל הַכֹּחוֹת לְשָׁאֵר קַיָּם בַּעֲבוֹדָתְךָ.

**שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!**



**אַחַר־כָּךְ הָיָה כַּנַּ"ל**, שֶׁלָּקְחוּ הַמְמֻנִּים אִישׁ אַחֵר, וְאוֹתוֹ הִנִּיחוּ, וְהָלַךְ לוֹ. וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבֹר, עַד שֶׁבָּא אֶל הַיָּם, וַיֵּשֶׁב בִּסְפִינָה וְעָבַר בַּיָּם. וּבָא רוּחַ סְעָרָה גְּדוֹלָה וְנָשָׂא הַסְּפִינָה אֶל סְפָר אֶחָד, שֶׁהָיָה שָׁם מִדְבָּר. וּמִגֹּדֶל הַסְּעָרָה, (שֶׁקּוֹרִין אוּמְפֶּיט), נִשְׁבְּרָה הַסְּפִינָה, אַךְ **הָאֲנָשִׁים שֶׁבָּהּ נִצְּלוּ** וְיָצְאוּ עַל הַיַּבָּשָׁה.

**וְשָׁם הָיָה מִדְבָּר,** וַיֵּלְכוּ לְנַפְשָׁם כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְבַקֵּשׁ לוֹ אֹכֶל לְנַפְשׁוֹ, כִּי בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם לֹא הָיוּ רְגִילִים הַסְּפִינוֹת לָבוֹא לְשָׁם, כִּי הָיָה מִדְבָּר, וְעַל כֵּן לֹא הָיוּ מְצַפִּים שָׁם עַל אֵיזֶה סְפִינָה לָשׁוּב לִמְקוֹמָם. וְהָלְכוּ שָׁם בַּמִּדְבָּר לְבַקֵּשׁ אֹכֶל, וְנִתְפַּזְּרוּ הֵנָּה וָהֵנָּה כָּל אֶחָד וְאֶחָד.

**וְהָלַךְ הַבָּחוּר הַנַּ"ל בַּמִּדְבָּר,** וְהָיָה הוֹלֵךְ וְהוֹלֵךְ, עַד שֶׁנִּתְרַחֵק מִן הַסְּפָר; וְרָצָה לָשׁוּב, וְלֹא יָכוֹל; **וְכָל מַה שֶּׁרָצָה לָשׁוּב, נִתְרַחֵק יוֹתֵר וְיוֹתֵר,** עַד שֶׁרָאָה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָשׁוּב, וַיֵּלֶךְ בַּאֲשֶׁר יֵלֵךְ.

**וְהָלַךְ שָׁם בַּמִּדְבָּר,** וְהָיָה בְּיָדוֹ קֶשֶׁת שֶׁהָיָה מַצִּיל עַצְמוֹ נֶגֶד הַחַיּוֹת רָעוֹת שֶׁבַּמִּדְבָּר, וּמָצָא שָׁם אֵיזֶה דְּבָרִים לֶאֱכֹל. וְהָיָה הוֹלֵךְ וְהוֹלֵךְ, עַד אֲשֶׁר יָצָא מִן הַמִּדְבָּר וּבָא אֶל מָקוֹם (יִשּׁוּב), שֶׁהָיָה שָׁם מָקוֹם פָּנוּי, וְהָיָה שָׁם מַיִם וְאִילָנוֹת סָבִיב סָבִיב שֶׁל פֵּרוֹת, **וְהָיָה אוֹכֵל מִן הַפֵּרוֹת וְשׁוֹתֶה מִן הַמַּיִם.**

**וְנִתְיַשֵּׁב בְּדַעְתּוֹ לֵישֵׁב שָׁם מִסְפַּר יְמֵי חַיָּיו,** כִּי בְּלֹא זֶה קָשֶׁה לוֹ לָשׁוּב אֶל הַיִּשּׁוּב, וּמִי יוֹדֵעַ אִם יַגִּיעַ עוֹד לְמָקוֹם כָּזֶה, אִם יַנִּיחַ הַמָּקוֹם הַזֶּה וְיֵלֵךְ לוֹ?! עַל כֵּן הָיָה בְּדַעְתּוֹ **לֵישֵׁב שָׁם וְלִחְיוֹת שָׁם יְמֵי חַיָּיו,** מֵאַחַר שֶׁטּוֹב לוֹ שָׁם, שֶׁהָיָה לוֹ **הַפֵּרוֹת לֶאֱכֹל וְהַמַּיִם לִשְׁתּוֹת.**

**וְלִפְעָמִים הָיָה יוֹצֵא** וְרוֹבֶה בְּקַשְׁתּוֹ אַרְנֶבֶת אוֹ צְבִי, וְהָיָה לוֹ בָּשָׂר לֶאֱכֹל. גַּם הָיָה צָד לְעַצְמוֹ דָּגִים, כִּי הָיָה שָׁם דָּגִים טוֹבִים מְאֹד בְּתוֹךְ הַמַּיִם, **וַיִּיטַב בְּעֵינָיו לְבַלּוֹת שָׁם יְמֵי חַיָּיו.**

**וְהַקֵּיסָר הַנַּ"ל,** אַחַר שֶׁנַּעֲשָׂה הַמִּשְׁפָּט בְּבֶן הַבֶּערְגֶיר הַנַּ"ל וְעַתָּה נִפְטַר מִמֶּנּוּ, (כִּי הַקֵּיסָר סָבַר, שֶׁכְּבָר נִתְקַיֵּם בּוֹ הַמִּשְׁפָּט בֶּאֱמֶת בְּבֶן הַבֶּערְגֶיר הַנַּ"ל, וְשׁוּב אֵינֶנּוּ בָּעוֹלָם) **כָּעֵת יוּכַל לְהִשְׁתַּדֵּךְ עִם בִּתּוֹ הַנַּ"ל,**

**וְהִתְחִילוּ לְדַבֵּר לָהּ שִׁדּוּכִים** עִם מֶלֶךְ פְּלוֹנִי וְעִם מֶלֶךְ פְּלוֹנִי וְכַיּוֹצֵא. וְעָשָׂה לָהּ חָצֵר כָּרָאוּי, וְיָשְׁבָה שָׁם. וְלָקְחָה לְעַצְמָהּ בְּנוֹת שָׂרִים לִהְיוֹת לָהּ לְרֵעוֹתֶיהָ, וְיָשְׁבָה שָׁם.

**וְהָיְתָה מְנַגֶּנֶת בִּכְלֵי־שִׁיר וְכַיּוֹצֵא כְּדַרְכָּם,** וְכָל מַה שֶּׁהָיוּ מְדַבְּרִים לָהּ שִׁדּוּכִים, הָיְתָה מְשִׁיבָה, שֶׁאֵין רְצוֹנָהּ בִּדְבָרִים, דְּהַיְנוּ לְדַבֵּר הַשִּׁדּוּךְ, רַק שֶׁיָּבוֹא הַמְּשַׁדֵּךְ בְּעַצְמוֹ. וְהִיא הָיְתָה בְּקִיאָה מְאֹד בְּחָכְמַת הַשִּׁיר, וְעָשְׂתָה בְּאֻמָּנוּת מָקוֹם שֶׁיָּבוֹא הַמְשַׁדֵּךְ עַל אוֹתוֹ הַמָּקוֹם וְיַעֲמֹד כְּנֶגְדָּהּ, וִידַבֵּר דִּבְרֵי שִׁיר, הַיְנוּ **שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק,** כְּדֶרֶךְ שֶׁמְּדַבֵּר הֶחָשׁוּק לַחֲשׁוּקָתוֹ דִּבְרֵי חִבָּה.

**וְהָיוּ בָּאִים מְלָכִים לְהִשְׁתַּדֵּךְ,** וְעָלוּ עַל אוֹתוֹ הַמָּקוֹם, וְהָיוּ מְדַבְּרִים כָּל אֶחָד וְאֶחָד שִׁיר שֶׁלּוֹ. וְלִקְצָתָם שָׁלְחָה תְּשׁוּבָה עַל יְדֵי רֵעוֹתֶיהָ גַּם־כֵּן בְּדֶרֶךְ שִׁיר וְחִבָּה, וְלִקְצָת, שֶׁנִּרְאוּ לָהּ יוֹתֵר, הֵשִׁיבָה בְּעַצְמָהּ וְהֵרִימָה קוֹלָהּ בְּשִׁיר וְהֵשִׁיבָה לוֹ גַּם־כֵּן דִּבְרֵי חִבָּה,

**וְלִקְצָת, שֶׁנִּרְאוּ לָהּ עוֹד יוֹתֵר,** הָיְתָה מַרְאָה עַצְמָהּ פָּנִים אֶל פָּנִים, וְהָיְתָה מַרְאָה אֶת פָּנֶיהָ, וְהֵשִׁיבָה לוֹ דִּבְרֵי שִׁיר

וְחִבָּה, וּלְכֻלָּם סִיְּמָה בַּסּוֹף. **אֲבָל לֹא עָבְרוּ עָלֶיךָ הַמֵּימוֹת,** וְלֹא הָיָה מִי שֶׁמֵּבִין כַּוָּנָתָהּ.

**וּכְשֶׁהָיְתָה מַרְאָה פָּנֶיהָ,** הָיוּ נוֹפְלִים מִגֹּדֶל יָפְיָהּ, וְהָיוּ קְצָת נִשְׁאָרִים חַלָּשׁוּת, וּקְצָת נִשְׁתַּגְּעוּ מֵחֲמַת חוֹלַת אַהֲבָה, מִגֹּדֶל יָפְיָהּ שֶׁהָיָה מֻפְלָג מְאֹד מְאֹד, וְאַף עַל פִּי כֵן, אַף־עַל־פִּי שֶׁנִּשְׁתַּגְּעוּ וְנִשְׁאֲרוּ חַלָּשׁוּת, עִם כָּל זֹאת הָיוּ בָּאִים מְלָכִים לְהִשְׁתַּדֵּךְ עִמָּהּ, וּלְכֻלָּם הֵשִׁיבָה כַּנַּ"ל.

**וְהַבֵּן הַנַּ"ל** (הַיְנוּ בֶּן הַבֶּערְגֶיר הַנַּ"ל) יָשַׁב שָׁם בְּאוֹתוֹ מָקוֹם הַנַּ"ל וְעָשָׂה לְעַצְמוֹ שָׁם מָקוֹם לֵישֵׁב בּוֹ, וְהָיָה יוֹשֵׁב שָׁם. וְגַם הוּא הָיָה יָכוֹל לְנַגֵּן וְיוֹדֵעַ חָכְמַת הַשִּׁיר, וְהָיָה בּוֹחֵר לוֹ עֵצִים, שֶׁרְאוּיִים לַעֲשׂוֹת מֵהֶם כְּלֵי־שִׁיר, **וְעָשָׂה לְעַצְמוֹ כְּלֵי־שִׁיר. וּמֵהַגִּידִין** שֶׁל הַחַיּוֹת עָשָׂה לוֹ נִימִין, (שֶׁקּוֹרִין סְטְרִינֶיס),

**וְהָיָה מְנַגֵּן וּמְשׁוֹרֵר לְעַצְמוֹ.** וְהָיָה לוֹקֵחַ הַכְּתָב שֶׁהָיָה לוֹ, שֶׁשָּׁלְחָה לוֹ הַבַּת הַקֵּיסָר הַנַּ"ל, **וְהָיָה מְשׁוֹרֵר וּמְנַגֵּן וְנִזְכָּר כָּל הַמְּאֹרָעוֹת שֶׁהָיוּ לוֹ,** וְאֵיךְ אָבִיו הָיָה בֶּערְגֶיר וְכוּ', וְעַתָּה נִשְׁלַךְ לְכָאן. וְהָלַךְ וְלָקַח הַכְּתָב הַנַּ"ל **וְעָשָׂה לוֹ סִימָן בְּאִילָן אֶחָד,** וְעָשָׂה שָׁם מָקוֹם, **וְטָמַן שָׁם הַכְּתָב** הַנַּ"ל, וְיָשַׁב שָׁם אֵיזֶה זְמַן.

**פַּעַם אֶחָד הָיָה רוּחַ סְעָרָה גְּדוֹלָה** וְשָׁבַר כָּל הָאִילָנוֹת, שֶׁהָיוּ עוֹמְדִים שָׁם, וְלֹא הָיָה יָכוֹל לְהַכִּיר הָאִילָן, שֶׁטָּמַן שָׁם הַכְּתָב, כִּי בְּעוֹד שֶׁהָיוּ עוֹמְדִים, הָיָה לוֹ סִימָן לְהַכִּיר, וְעַכְשָׁו שֶׁנָּפְלוּ, נִתְעָרֵב הָאִילָן בֵּין הָאִילָנוֹת, שֶׁהָיוּ שָׁם הַרְבֵּה מְאֹד, **וְלֹא הָיָה יָכוֹל לְהַכִּיר הָאִילָן;**

**וְזֶה אִי אֶפְשָׁר לְבַקֵּעַ כָּל הָאִילָנוֹת** לְחַפֵּשׂ הַכְּתָב, כִּי הָיוּ רַבִּים מְאֹד. **וְהָיָה בּוֹכֶה וּמִצְטַעֵר עַל זֶה מְאֹד מְאֹד,** וְרָאָה, שֶׁאִם יֵשֵׁב כָּאן, בְּוַדַּאי יִשְׁתַּגַּע מִגֹּדֶל הַצַּעַר, שֶׁהָיָה קָשֶׁה עָלָיו מְאֹד. **וְנִתְיַשֵּׁב,** שֶׁמֻּכְרָח לֵילֵךְ לְהַלָּן, וְיַעֲבֹר עָלָיו מָה, כִּי בְּלֹא זֹאת הוּא מְסֻכָּן מְאֹד מִגֹּדֶל הַצַּעַר, כַּנַּ"ל.

וְלָקַח לוֹ בָּשָׂר וּפֵרוֹת בְּתוֹךְ שַׂקּוֹ, **וַיֵּלֶךְ בַּאֲשֶׁר יֵלֵךְ.** וְעָשָׂה לְעַצְמוֹ סִימָנִים בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם שֶׁיָּצָא מִשָּׁם.

**וְהָיָה הוֹלֵךְ,** עַד שֶׁבָּא אֶל יִשּׁוּב. וְשָׁאַל: אֵיזֶה מְדִינָה הִיא זֹאת? **הֵשִׁיבוּ לוֹ.** וְשָׁאַל אִם נִשְׁמַע כָּאן מֵאוֹתוֹ הַקֵּיסָר הַנַּ"ל; **הֵשִׁיבוּ לוֹ:** הֵן. וְשָׁאַל אִם נִשְׁמַע כָּאן מִבִּתּוֹ הַיְפַת־תֹּאַר; **הֵשִׁיבוּ לוֹ:** הֵן, אַךְ שֶׁאִי־אֶפְשָׁר לְהִשְׁתַּדֵּךְ עִמָּהּ כַּנַּ"ל.

**וְנִתְיַשֵּׁב בְּדַעְתּוֹ:** מֵאַחַר שֶׁאִי־אֶפְשָׁר לוֹ לָבוֹא לְשָׁם, וְהָלַךְ אֶל הַמֶּלֶךְ שֶׁל אוֹתוֹ הַמְּדִינָה וְסִפֵּר לוֹ כָּל לִבּוֹ, וְשֶׁהוּא הֶחָתָן שֶׁלָּהּ, וּבִשְׁבִילוֹ אֵינָהּ רוֹצָה לְהִשְׁתַּדֵּךְ עִם אַחֵר. וּמֵאַחַר שֶׁאִי־אֶפְשָׁר לוֹ לָבוֹא לְשָׁם, בְּכֵן הוּא מוֹסֵר לוֹ כָּל הַסִּימָנִים שֶׁבְּיָדוֹ, דְּהַיְנוּ **הַשִּׁבְעָה מֵימוֹת הַנַּ"ל,** וְשֶׁאוֹתוֹ הַמֶּלֶךְ יֵלֵךְ לְשָׁם וְיִשְׁתַּדֵּךְ עִמָּהּ, וְלוֹ יִתֵּן מָעוֹת בְּעַד זֶה.

**וְהִכִּיר הַמֶּלֶךְ,** שֶׁדְּבָרָיו כֵּנִים, כִּי אִי־אֶפְשָׁר לִבְדּוֹת זֹאת מִן הַלֵּב, **וְהוּטַב הַדָּבָר בְּעֵינָיו.**

**אַךְ נִתְיַשֵּׁב:** אִם יָבִיא אוֹתָהּ לְכָאן, וְאוֹתוֹ הַבָּחוּר יִהְיֶה פֹּה אֵין הַדָּבָר טוֹב לְפָנָיו, וּלְהָרְגוֹ קָשֶׁה בְּעֵינָיו, כִּי מַדּוּעַ יֵהָרֵג עַל הַטּוֹבָה שֶׁעָשָׂה לוֹ?! בְּכֵן נִתְיַשֵּׁב לְשָׁלְחוֹ לְמֵרָחוֹק מָאתַיִם פַּרְסָאוֹת, וְחָרָה הַדָּבָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַבֵּן הַנַּ"ל עַל אֲשֶׁר הוּא מְשַׁלְּחוֹ בְּעַד טוֹבָה כָּזוֹ שֶׁעָשָׂה לוֹ,

**וְהָלַךְ שָׁם אֶל מֶלֶךְ אַחֵר** גַּם־כֵּן, וְסִפֵּר לוֹ גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל, וּמָסַר לוֹ כָּל הַסִּימָנִים, **וּלְהַשֵּׁנִי הוֹסִיף סִימָן יוֹתֵר,** וְצִוָּה עָלָיו וְזֵרְזוֹ, שֶׁיִּסַּע תֵּכֶף, אוּלַי יוּכַל לְהַקְדִּים אֶת חֲבֵרוֹ, וְגַם אֲפִלּוּ אִם לֹא יַקְדִּימוֹ, יֵשׁ לוֹ סִימָן יוֹתֵר מֵחֲבֵרוֹ.

**וְהַשֵּׁנִי נִתְיַשֵּׁב** גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל כְּמוֹ הָרִאשׁוֹן, וְשִׁלַּח גַּם־כֵּן אֶת אוֹתוֹ הַבֵּן לְמֵרָחוֹק מָאתַיִם פַּרְסָאוֹת. וְחָרָה לוֹ גַּם־כֵּן מְאֹד, וַיֵּלֶךְ אֶל הַשְּׁלִישִׁי, **וּלְהַשְּׁלִישִׁי מָסַר עוֹד סִימָנִים מֻבְהָקִים בְּיוֹתֵר.**

# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א - אידיש

**דֶערְנָאךְ אִיז** אַזוֹי גִיוֶועְן כַּנַ"ל. דִי מְמוּנִים הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערִין מֶענְטְשְׁן. אוּן אִים הָאבְּן זֵיי גִילָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם יַם. הָאט עֶר זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין שִׁיף אוּן אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם יַם.

**אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוֹרֶעם וִוינְט.** אוּן הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגִין דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטִין וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועְן מִדְבָּר (דְהַיינוּ וִויסְט) אוּן מַחְמַת דֶעם גְרוֹיסִין אִימְפֶּעט אִיז דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין נָאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער שִׁיף זֶענֶען **נִיצוֹל גִיוָוארִין** אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה.

**אוּן דָארְט** אִיז גִיוֶועְן מִדְבָּר זֶענֶען דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער שִׁיף גִיגַאנְגֶען זִיךְ זוּכִין עֶפֶּעס עֶסִין. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ גִיזוּכְט עֶפֶּעס עֶסִין. וָוארִין אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז נִיט גִיוֶועְן דֶער סֵדֶר אַז דִי שִׁיפִין זָאלִין אַהִין אָנְקוּמֶען. וָוארִין סֶע אִיז גִיוֶועְן מִדְבָּר. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִירֶעכְט דָארְט אַז סֶע זָאל עֶפֶּעס אַ שִׁיף אָנְקוּמֶען אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים.

**זֶענֶען זֵיי דָארְט גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר** זִיךְ זוּכִין עֶסִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אַהִין אוּן אַהֶער אִיטְלִיכֶער בַּאזוּנְדֶער.

**אִיז דֶער בָּחוּר גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר.** אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם בָּארְטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּמְקֶערְן. אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין אִיז עֶר אַלְץ **מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גִיוָוארִין.**

**בִּיז עֶר** הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן זִיךְ שׁוֹין נִיט אוּמְקֶערִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. אִין דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶער הַאנְט אַ בּוֹיגְן וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִיל גִיוֶועְן אַ קֶעגִין דִי חַיוֹת רָעוֹת פוּן דֶער מִדְבָּר.

**אוּן וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.** הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. **אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועְן אַ לֵיידִיק אָרְט. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶועְן **וַואסֶער** אוּן בֵּיימֶער אַרוּם פוּן **פֵּירוֹת.** אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסְן פוּן **דִי פֵּירוֹת** אוּן הָאט גִיטְרוּנְקֶען פוּן **דֶעם וַואסֶער.**

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועְן** אִין דֶער דֵיעָה. אַז עֶר זָאל **דָארְט אַוֶועק זִיצְן** וַוייל עֶר **וֶועט לֶעבְּן.** וָוארְן בְּלוֹיז אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶועער אוּם צוּ קֶערְן זִיךְ אִין יִשּׁוּב אַרַיין. **אוּן וֶוער וַוייסְט** צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין אָרְט. אַז עֶר **וֶועט דָאס אָרְט אַוֶועק לָאזְן.** אוּן וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועק גֵיין.

**אִיבֶּער דֶעם** הָאט עֶר גִעוָואלְט דָארְט אַוֶועק זִיצְן. אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְּן דִי וֶועלְט. וָוארְן סֶע אִיז אִים דָארְט גוּט גִיוֶועְן. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גִיהַאט דִי פֵּירוֹת צוּ עֶסְן. אוּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען.

**אוּן אַמָאל** פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֵיין אוּן פְלֶעגְט זִיךְ שִׁיסְן מִיט זַיין בּוֹיגְן אַ הָאז אָדֶער אַ הֶערְשׁ הָאט עֶר גִיהַאט פְלֵייש צוּ עֶסְן.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט** חַאפְּן פִישׁ וָוארְן דָארְט אִיז גִיוֶועְן זֵייעֶר גוּטֶע פִישׁ אִין דֶעם וַואסֶער. אִיז אִים גִיפֶעלְן אַז עֶר זָאל דָארְט **אִיבֶּער לֶעבְּן זַיינֶע יָארְן.**

**אוּן דֶער קֵיסֶר.** נָאךְ דֶעם אַז סֶע אִיז שׁוֹין גִיטָאן גִיוָוארְן דֶער מִשְׁפָּט אִין דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אוּן עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גִיוָוארְן (וָוארְן דֶער קֵיסֶר הָאט גִימֵיינְט אַז מֶען הָאט טַאקֶע בְּאֱמֶת אַזוֹי גִיטָאן דֶעם מִשְׁפָּט אִין דֶעם בָּחוּר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא) **הַיינְט** קָאן עֶר שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ טָאן מִיט זַיין טָאכְטֶער.

**הָאט מֶען אִיר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידְן שִׁידוּכִים.** מִיט דֶעם מֶלֶךְ אוּן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט אַ הוֹיף אַזוֹי

ווי דֶער סֵדֶר אִיז. אוּן זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן זִי הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פַּאנֶעס שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין. אוּן זִי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. **אוּן זִי פְּלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף כְּלֵי שִׁיר** אַזוֹי ווִי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

**אוּן וָואס מֶע הָאט אִיר גִירֶעט שִׁידוּכִים.** הָאט זִי אַלְץ גִיעֶנְפֶערְט. אַז זִי ווִיל נִיט קֵיין רֵייד דְהַיינוּ מֶע זָאל רֵיידְן דֶעם שִׁידוּךְ. נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) אוּן זִי הָאט זֵייעֶר וואוֹיל גִיקָאנְט חָכְמַת הַשִּׁיר (דְהַיינוּ דִי חָכְמָה מֶע זָאל רֵיידְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע לִידֶער מִיט גְרוֹיס חָכְמָה).

**אוּן זִי הָאט גִימַאכְט** מִיט מְלָאכוֹת אֵיין אָרְט. וָואס עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר ווִיל זִי נֶעמֶען) אוּן עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַ קֶעגְן אִיר. אוּן עֶר זָאל רֵיידְן אַ שִׁיר. דְהַיינוּ אַ שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק אַזוֹי ווִי אַ חָשׁוּק רֶעט צוּ זַיין חְשׁוּקָה (דְהַיינוּ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

**זֶענֶען גִיקוּמֶען** מְלָכִים זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן זֵיי הָאבְּן גִירֶעט אִיטְלִיכֶער זַיין שִׁיר. הָאט זִי אַ טֵייל אַרוֹיס גִישִׁיקְט אַ תְּשׁוּבָה דָארְךְ אִירֶע פַּאנֶעס. אוֹיךְ מִיט אַ שִׁיר אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט. אוּן אַ טֵייל וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר מֶער גִיפֶעלְן. הָאט זִי זֵיי אַלֵיין גִיעֶנְפֶערְט.

**אוּן זִי הָאט** אוֹיפְגִיהוֹבִּין אִיר קוֹל מִיט אַ שִׁיר. אוּן זִי הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט אוֹיךְ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט. אוּן צוּ אַ טֵייל וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלְן הָאט זִי זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס גִיווִיזְן פָּנִים אֶל פָּנִים. אוּן זִי הָאט אַרוֹיס גִיווִיזְן אִיר פָּנִים. **אוּן זִי הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט אַ שִׁיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט.** אוּן צוּ אַלֶע הָאט זִי אַלְץ אוֹיס גִילָאזְט צוּם סוֹף. **דִי וַואסֶערְן זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען.** אוּן סֶע הָאט קֵיינֶער נִיט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט.

**אוּן אַז זִי הָאט אַרוֹיס גִיווִיזְן אִיר פָּנִים** פְלֶעגְט מֶען אַנִידֶער פַאלְן מַחְמַת גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. אוּן אַ טֵייל זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת אוּן אַ טֵייל זֶענֶען מְשׁוּגָע גִיוָוארְן מַחְמַת חוֹלַת אַהֲבָה מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִילְד גִיוֶוען. אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט חָאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט פְלֶעגְן מְלָכִים קוּמֶען אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. אוּן זִי הָאט זֵיי אַלֶע אַזוֹי אָפּ גִיעֶנְפֶערְט כַּנַ"ל.

**אוּן דֶער זוּן** פוּן דֶעם בֶּערְגֶער הַנַ"ל. אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן אוֹיף דֶעם אָרְט (הַנַ"ל) אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גִימַאכְט אֵיין אָרְט צוּ זִיצְן דְרִינֶען. אוּן עֶר אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גִיקֶאנְט שְׁפִּילְן אוּן עֶר הָאט גִיקֶענְט חָכְמַת הַשִּׁיר. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן הָאלְץ וָואס מֶע קָאן דְרוֹיס מַאכִין כְּלֵי שִׁיר (דְהַיינוּ כֵּלִים וָואס מֶע שְׁפִּילְט אוֹיף זֵיי) אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט כְּלֵי שִׁיר. אוּן פוּן דִי אָדֶערְן פוּן דִי חַיוֹת הָאט עֶר זִיךְ גִימַאכְט סְטְרִינֶעס.

**אוּן עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן.** אוּן עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען **דָאס כְּתַב** וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט (דֶעמָאלְט אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אִין דֶער שִׁבְיָה) אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיזוּנְגֶען אוּן גִישְׁפִּילְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן. אוּן ווִי דֶער פָּאטֶער אִיז גִיוֶוען אַ **בֶּערְגֶער** וְכוּ' **אוּן הַיינְט** אִיז עֶר אַהֶער פַארְוָוארְפְן גִיוָוארְן.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט גִינוּמֶען **דָאס כְּתַב** אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ סִימָן אִין אַ בּוֹים. אוּן עֶר הָאט דָארְט אִין דֶעם בּוֹים גִימַאכְט אֵיין אָרְט. אוּן הָאט דָארְט דָאס כְּתַב בַּאהַאלְטְן. אוּן עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן אַ צַייט.

**אַמָאל אִיז גִיוֶוען** אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוֹירֶעם ווִינְט. אוּן עֶר הָאט צוּ בְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען. הָאט עֶר נִישְׁט גִיקָאנְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן **דָאס כְּתַב.** וָוארְן אַז דִי בֵּיימֶער זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט. הָאט עֶר גִיהַאט אַ סִימָן צוּ דֶערְקֶענֶען. אָבֶּער **הַיינְט** אַז זֵיי זֶענֶען אַיין גִיפַאלְן. **אִיז דֶער בּוֹים פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן** צְווִישְׁן דִי אִיבְּרִיקֶע בֵּיימֶער וָואס סֶע אִיז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל הָאט עֶר שׁוֹין נִיט

גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים אוּן דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט אַז מֶע זָאל אוֹיף שְׁפַּאלְטְן אַלֶע בֵּיימֶער אוּן מֶע זָאל זוּכְן **דָאס כְּתַב** וָוארְן סֶע גִיוֶוען זֵייעֶר פִיל בֵּיימֶער. הָאט עֶר זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶוען.

**אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען** אַז עֶר וֶועט דָא זִיצְן וֶועט עֶר בְּוַודְאַי מְשׁוּגָע וֶוערְן מַחְמַת גְרוֹיס צַעַר וָואס עֶר הָאט גִיהַאט.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** עֶר מוּז אַוֶועק גֵיין וַוייטֶער. אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן לָאז זִיךְ טָאן. גֵיין אַוֶועק מוּז עֶר. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹיז מְסוּכָּן זֵייעֶר מַחְמַת גְרוֹיס צַעַר.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִינוּמֶען** פְלֵייש אוּן פֵּירוֹת אִין אַ זַאק אַרַיין. אוּן עֶר אִיז גִיגאנְגֶען וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים אִין דֶעם אָרְט וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב. **הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט** וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס. הָאט מֶען **אִים גִיעֶנְפֶערְט**. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן דֶעם קֵיסֶר. (הַנַּ"ל). הָאט מֶען אִים **גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.** הָאט עֶר **גִיפְרֶעגְט.** אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר. **הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.** לוּשְׁמִיר סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער מִיט אִיר נִיט מְשַׁדֵךְ זַיין (כַּנַּ"ל וָוארְן זִי וִויל נִיט כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** מַחְמַת עֶר קָאן שׁוֹין אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה. **אוּן הָאט אִים אוֹיס דֶערְצֵיילְט גָאר זַיין הַארְץ.** אוּן אַז עֶר אִיז אִיר חָתְן אוּן אִיבֶּער אִים וִויל זִי קֵיין אַנְדֶערְן שִׁידוּךְ נִיט. אוּן מַחְמַת עֶר קָאן אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. דְרוּם גִיט עֶר אָפּ אַלֶע סִימָנִים וָואס עֶר הָאט צוּ דֶעם מֶלֶךְ דְהַיְינוּ **דִי זִיבְּן וַואסֶערִין** הַנַּ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ זָאל זִיךְ גֵיין אַהִין וֶועט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. אוּן אִים זָאל עֶר גִיבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶערְקֶענְט.** אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען **אֱמֶת.** וָוארְן מֶען קָאן זִיךְ אַזוֹינְס נִיט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן דֶעם הַארְץ. אִיז דִי זַאךְ דֶעם מֶלֶךְ גִיפֶעלְן. **נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** אַז עֶר וֶועט זִי דָא בְּרֶענְגֶען אַהֶער. אוּן דֶער בָּחוּר וֶועט דָא זַיין. אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט. זָאל עֶר אִים הַארְגֶענֶען הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט טָאן אַזוֹי אַזַאךְ וָוארְן פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נָאךְ הַארְגֶענֶען פַאר דֶער טוֹבָה וָואס עֶר הָאט אִים גִיטָאן.

**בְּכֵן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** עֶר וֶועט אִים **פַארְשִׁיקְן** אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן נָאךְ וָואס עֶר פַארְשִׁיקְט אִים פַאר אַזוֹי אַ טוֹבָה וִוי עֶר הָאט אִים גִיטָאן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען דָארְט אוֹיךְ צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ.** אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי דֶערְצֵיילְט כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן וַוייל סֶע הָאט אִים פַארְדְרָאסְן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ אוּן הָאט יֶענֶעם אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע סִימָנִים כְּדֵי דֶער אַנְדֶערֶער זָאל גִיךְ לוֹיפְן נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר)

**אוּן הָאט אִים מוֹסֵר גִיוֶוען אַלֶע סִימָנִים** אוּן צוּ דֶעם אַנְדֶערְן הָאט עֶר נָאךְ מוֹסִיף גִיוֶוען **מֶער אַ סִימָן.**

**אוּן עֶר הָאט אִים גִיהֵייסְן** אוּן הָאט אִים מְזַרֵז גִיוֶוען אַז עֶר זָאל תֵּיכֶף פָארְן. טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען יֶענְעם מֶלֶךְ אִיבֶּער יָאגְן. כְּדֵי עֶר זָאל פְרִיר קוּמֶען אַהִין. אוּן אַפִילוּ אַז עֶר וֶועט נִיט פְרִיר קוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער **אַ סִימָן מֶער** פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן.

**אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי מְיַישֵׁב גִיוֶוען** וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער (אַז סֶע אִיז פַאר אִים נִיט גוּט אַז דֶער בָּחוּר זָאל דָא זַיין) הָאט דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ אִים אוֹיךְ **פַארְשִׁיקְט** אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייטֶער. הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וִוידֶער צוּם דְרִיטְן** (דְהַיְינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין מֶלֶךְ דָאס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען דֶער דְרִיטֶער. אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַּ"ל דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה) **אוּן צוּ דֶעם דְרִיטְן הָאט עֶר נָאךְ מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים.**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צענטע מעשה (3) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן

**א. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**
- ☐ צו א מדבר
- ☐ צו א ישוב
- ☐ צו א גרויסע מדינה

**ב. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**
- ☐ אפאר יאר
- ☐ ווי לאנג ער לעבט
- ☐ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ג. האט דער קיסר געוואוסט דער אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ ער איז געווען מסופק

**ד. וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ מיט קעניגן
- ☐ חשובע הערן
- ☐ גרויסע עשירים

**ה. וואו איז די טאכטער פון קיסר געזיצן מיט אירע חבר'טעס?**
- ☐ אין א קעניג'ליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ☐ אין איר מאמע'ס הויז
- ☐ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ו. וואס האט די טאכטער פון קיסר דארט געטאן?**
- ☐ געמאלעוועט בילדער
- ☐ געזונגען
- ☐ געשפילט אויף כלי שיר

**ז. וואס האט זי געענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?**
- ☐ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ☐ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ☐ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ח. ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?**
- ☐ אלע קעניגן
- ☐ נאר איין קעניג
- ☐ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ט. וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?**
- ☐ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ☐ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ אין א בוים
- ☐ אין א הייל
- ☐ אין א גרוב אין דער ערד

**יא. פארוואס האט ער זיך מיישב געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?**
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ☐ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**יב. צו וואו איז ער נאכדעם אונגעקומען?**
- ☐ צו א וואוסטער מדבר
- ☐ צו א גרויסע מדינה
- ☐ צו א ישוב

**יג. וועלכע סימנים האט ער איבעגעגעבן פאר דער קעניג פון יענע לאנד**
- ☐ די זיבן וואסערן
- ☐ די כתב וואס ער האט באקומען פון די בת קיסר
- ☐ די סימן אין וועלכע בוים ער האט באהלטן די כתב

**יד. וואס האט דער קעניג געטאן פארן זון פון בערגיר?**
- ☐ ער האט אים פארשיקט הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים פארשיקט צוויי הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר א יעדניראל

**טו. וואס האט דער זון פון בערגיר נאכדעם געטאן?**
- ☐ ער האט איבער געגעבן די סימנים פאר א אנדער קעניג און האט צו געלייגט נאך א סימן
- ☐ ער איז אליין געגאנגען צו די טאכטער פון קיסר
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען אין מדבר

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ די נאמנות פון די טאכטער פון קיסר צו דער בן בערגיר
- ☐ די יאוש פון דער בן בערגיר
- ☐ ____________________.

**דִי וַואסֶערְן זֶענֶען אָבֶער אִיבֶּער דִיר נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען - מִיט אסאך הצלחה!!!**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

ארײַן צו גיין אין א גורל שיק די בחינה צו א פעקס אין א"י 15326519611 אדער צו: L3233287@gmail.com

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בספורי מעשיות

## מעשה י' (3) - מבערגיר ועני

**א. לאן הגיע בן הבערגיר אחר שהלך על הים?**
- ☐ למדבר
- ☐ לישוב
- ☐ למדינה גדולה

**ב. כמה זמן היה בדעת בן הבערגיר לחיות במדבר?**
- ☐ כמה שנים
- ☐ מספר ימי חייו
- ☐ עד שהמלך יבקש אחריו

**ג. האם הקיסר ידע את האמת אם בן הבערגיר קיים?**
- ☐ כן
- ☐ לא
- ☐ הסתפק

**ד. איזה שידוכים התחילו לדבר לבת הקיסר?**
- ☐ מלכים
- ☐ בני שרים חשובים
- ☐ בני עשירים גדולים

**ה. היכן ישבה בת הקיסר עם רעותיה?**
- ☐ בארמון המלוכה שבנו בשבילה
- ☐ בבית אמה
- ☐ בחצר שעשה לה אביה

**ו. מה עשתה שם בת הקיסר?**
- ☐ מציירת
- ☐ מנגנת בפה
- ☐ מנגנת בכלי שיר

**ז. מה השיבה בת הקיסר לכל השידוכים שהציעו לה?**
- ☐ לא נראה לי
- ☐ אשאל את הקיסר את דעתו
- ☐ לא עברו עליך המימות

**ח. האם היה מי שמבין כוונתה בתשובה שהיא ענתה?**
- ☐ רק המלכים החכמים הבינו כוונתה
- ☐ היה רק מלך אחד שהבין כוונתה
- ☐ לא היה מי שמבין כוונתה

**ט. מה עשה בן הבערגיר במדבר?**
- ☐ עשה לעצמו מקום לישב בו
- ☐ עשה לעצמו כלי שיר
- ☐ שתי התשובות נכונות.

**י. היכן הטמין בן הבערגיר הכתב שקיבל מהבת קיסר?**
- ☐ מקום באילן אחד
- ☐ מתחת לשיחים
- ☐ חפר בור באדמה

**יא. למה הוכרח בן הבערגיר לעזוב את מקומו ולילך להלן?**
- ☐ כי לא היה לו מה לאכול במקומו
- ☐ כי נתערבב האילנות ולא היה לו צל
- ☐ כי נאבד שם הכתב שקיבל מהבת קיסר, וישתגע מגודל הצער

**יב. לאן הגיע בן הבערגיר אחר כך?**
- ☐ למדבר שממה
- ☐ למדינה גדולה
- ☐ לישוב

**יג. איזה סימנים מסר בן הבערגיר למלך של אותו מדינה?**
- ☐ השבעה מימות הנ"ל
- ☐ הכתב שקיבל מהבת קיסר
- ☐ הסימן באיזה אילן הטמין הכתב

**יד. מה עשה המלך הנ"ל לבן הבערגיר?**
- ☐ שלחו למרחק של מאה פרסאות
- ☐ שלחו למרחק של מאתיים פרסאות
- ☐ מינה אותו ליעדניראל

**טו. מה עשה בן הבערגיר אחר כך?**
- ☐ מסר הסימנים למלך אחר והוסיף סימן יותר
- ☐ הלך בעצמו לבת הקיסר
- ☐ חזר למדבר

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ☐ הנאמנות של בת הקיסר לבן הבערגיר
- ☐ היאוש של בן הבערגיר
- ☐ ____________________.

## לֹא עָבְרוּ עָלֶיךָ הַמֵּימוֹת - בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס **15326519611** או ל: **L3233287@gmail.com**